STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02110

# MOMENTEN

Sholem Asch

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום אש

# מאמענטען

**Моментенъ** Разск. Шолемъ Ашъ

Типо-Лит. Ф. Баумритера Красинская площ. 6.
ВАРШАВА
1909.

# די ערשטע טעג...

היינט דעם 22־טען מערץ, אין יאָהר 1905 (דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען ווי איך שרייב א דאַטע) בין איך אין קוטנע. דאָס וויכטיגסטע וואָס איז היינט אין מיין טאָג, איז דאָס, וואָס איך האָב בעקוקט די קערפּער פון די געהרגעטע פּויערים, וואָס די זעלנער האָבען געשאָסען אין לאַנענט. זיי זענען געלעגען אין דעם טויטען־שטיבעל אין שפּיטאָל, וויפיעל ווייס איך נישט, צו 10, צו 12, איך האָב נור געזעהען ליגען. נור עפּעס שוין נישט קיין מענשען, נור ווי לאַלקעס אָנגעפילט מיט שטרוי, אָנגעטהון אין פּויערישע קליידער... די פּנימ'ער זענען געווען ראַנירט. עס האָט אויף מיר א שרעקליכען איינדרוק געמאַכט. נור נאָך מעהר, דאָס וואָס דער טויט (איך מיין די טויטע מענשען) איז געווען אָנגעטהון אין גראָבע, פערשמוצטע פּויערישע קליידער... מיין אויג האָט געזוכט ווייסע לייווענד... צווישען די געהרגעטע איז אויך געווען א פּויעריש אינגעל פון א יאָהר 14. זיין יונג, לאָבעסדיגער אויסקוק האָט עפּעס גאָר נישט האַרמאָנירט מיט דעם געלען, שרעקליכען, ערנסטען און שווייגענדיגען טויט, וואָס איז געלעגען אויסגעגאָסען אויף זיין פּנים... געלע גראָבע שוויי-

גענדיגע הענד פֿערלייגט איינע אויף די צווייטע, — מער האָב איך נישט געזעהען. פֿויערטעס און פֿויערים אַרום האָבען מיר פֿערשטעלט. דער לעבעדיגער האָט שטיל געשוויגען. די עולה האָט אין יעדענס האַרץ געברענט. און דאָך האָבען זיי געשוויגען. די קרעכצען, דאָס געוויין פֿון די ווײַבער האָט געשטערט די גרויזאַמקייט פֿון די נקמה, וואָס די לעבעדיגע נעהמען פֿון די מערדערס מיט זייער שטיל־שווײַגען...

די ערשטע הרוגים אויפֿ'ן פּוילישען פֿעלד, וואָס מײַנע אויגען האָבען געזעהען.

---

דאָנערשטאָג, דעם 24־טען.

הײַנט בין איך געוועזן אויף די לויה פֿון די ניין געהרג'עטע פֿויערים, אין קוטנע.

איך בין געוועזן אונטער אַ שרעקליכען אײַנדרוק. די שררים האָבען געטראָגען די טרומנעס, דאָס פֿאָלק איז געגאַנגען קעפּ איבער'ם קעפּ און האָבען שטיל געשוויגען. יודען זענען זעהר פֿיעל מיטגעגאַנגען אין די היט אָנגעטהון. אַלע האָבען געוויינט אין דער שטיל. אַן ערנסטע האַרמאָניע האָט אַלע צוזאַמענגעבונדען, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי נעהמען נקמה פֿון די מערדער מיט זייער שטיל־שווײַגען. אַם שטאַרקסטען האָט אויף מיר דעם אײַנדרוק געמאַכט דאָס רעליגיעזע געזאַנג פֿון די גײַסטליכע און פֿאָלק. איך האָב עפּיס אָנגעהויבען צו גלויבען, אַז די מענשען גלויבען, אַז עס איז דאָ ווער, וואָס וועט זיך אָננעהמען פֿאַר זייער קריוודע... און איך האָב געוואָלט גלויבען, און האָב געגלויבט, אַז עס איז דאָ ווער, אַז די וועלט איז

נישט הפקר. דאָס געזאַנג האָט מיך זעהר געצווינגען — און איך בּין נאָכגעגאַנגען. די יודען אין די היט צוזאַמען מיט די מאַסע מענשען — האָט מיך עפּעס געפּרעסט, און מיך טרויריג-גוטיג געמאַכט. עפּעס ווילט זיך אַזוי זיין אין איינעם, געהערען צו ווען...

די מאַמע פון דעם גע'הרג'עטען יונגעל, די פּויערטע, האָט גע-וויינט: „ווי וועל איך קוקען אויף זיין געדעקט בּעט?!“ מיך האָבען די ווערטער דערמאַנט זעהר פיעל מוטערליכעס — (איך האָב מיך דערמאָנט אָן מיין מאַמע, זי איז אין אַמעריקאַ — איך בּין דאָ —) און, אַך, גאָט, ווי שיין איז דיין וועלט, און וויפיעל צרות געפינט זיך אין דיין וועלט!

איך ליעב זעהר דאָס פּויערען-פאָלק. בּיי זיי איז דאָס נאָך אַזוי ערנסט, אַזוי ערנסט, און פּראָסט ווי די ערד אַליין!

---

פינפטער אַפּריל.

איך בּין אין וואַרשוי.

לעבּעדיג איז אויף די גאַסען. טויזענדער לויפען און זענען גרייט מקריב צו זיין זיך אויף קדוש השם...

אין פּאַוויאַק (אַ טורמע, וואו עס זיצען פּאָליטישע געפאַנגענע) איז געשטאָרבּען איינער פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע. טויזענדער האָבּען זיך צוזאַמענגעקליבּען פאַר'ן פּאַוויאַק און פערלאַנגען דעם טויטען. זעלנער זענען בּעפאַלען דעם עולם און אָנגעהויבּען צו שיסען. דער עולם איז געשטאַנען ווי אַ וואַנד, און עס זענען געפאַלען איין קאָפּ נאָכ'ן צווייטען...

אַ פערוואונדעטען האָב איך געזעהען. די קויל איז איהם אין בּויך אַריין, דאָס בּלוט האָט זיך געגאָסען, ער איז אומגעפאַלען, דער

פאליציייסקער איז צו איהם צו און האט איהם געשלאגען. דאך זיין פערלאנג איז אויף זיינע ליפען געלעגען, ביז דער שכל האט איהם נישט פערלאזט...

בין איך געגאנגען ווייטער, האב איך געטראפען א משוגענעם זעלנער, א צוריקגעקומענעם פון דער מלחמה, מיט א הויכען פוטערען הוט, און א דאר אויסגעמאגערט פנים, וואס די אויגען האבען זיך (האט זיך געדאכט) געקאליטשעט צווישען צוויי דארע ביינער. דער משוגענער האט זיך געוואקעלט אהין און צוריק, און עפעס געריעדט צו זיך. ער האט מעהר דעם איינדרוק געמאכט פון א שיכורן אידען ווי פון א משוגענעם...

א משוגענער אין א זעלנערישען מאנטעל!
א נרדף אין א זעלנערישען מאנטעל!
ווי טרויריג דאס איז!

---

מיט 2 שעה שפעטער.

איך בין געגאנגען אין גאס, טויזענדער איילען זיך אהין צום פאוויאק, קיינער ווייסט נישט, אויב ער וועט צוריק קומען. די אלע זענען גרייט מקריב צו זיין זיך אויף קדוש השם. מיט געוואלד ארויסבעקומען דעם טויטען.

א מלחמה בעשאפען העלדען...

---

אויף דער נאכט.

איך געדענק שוין נישט אויף וועלכע גאס. איך וויים נישט מעהר א שמאלע גאס, צוויי הויכע ציילען הייזער שטעהען שטום.

אין די עקען שטעהען זעלנער מיט ביקסען, לאָזען נישט אַדורך. פֿון אַיין זייט איז בעלייגט מיט זעלנער, און אין דער גאַס האָט מען אַרייַנגעקריגען אַ טהייל פֿון „עולם", זעלנער מיט געוועהר יאָגען, ווער עס קען כאַפּט זיך אַרייַן אין די טהויערען. די סטרוזשעס האָבען די טהויערען פֿערשלאָסען, און לאָזען נישט אַרייַן. אויף די גאַסען לויפֿען נאָך אַרום אייניגע יונגע מענשען, וואָס האָבען זיך נישט געקענט אַרויסקריגען, און מיט דעם בעוואוסטזיין, אַז אָט פֿאַלען זיי פֿון די קוילען, לויפֿען זיי ווי משוגעים אַרום, זוכענדיג ערגיץ אַן אָרט זיך צו בעשיצען. איינער, אַ יונגער מענש, איז אָנגעקומען צו אונזער טהויער. מיר האָבען איהם געזעהען דורך אונזער פֿענסטעריל. מיט די אויגען האָט ער געבעטען, אַז מען זאָל איהם אויפֿעפֿענען. מיר אָבער האָבען דעם שליסעל נישט געהאַט. מיר האָבען געפּרופּט די טהיר צו צוברעכען — אָבער אונמעגליך. און ער שטעהט פֿאַר'ן טהויער, קוקט מיט די אויגען און בעט זיך שטום... איך בייס די נעגעל פֿון מייַנע פֿינגער . . .

אָט! עס האָט זיך געהערט אַ שיסעריי.
עפּעס וואָס איז אַנידערגעפֿאַלען פֿאַר אונזער טהויער...
איך האָב נור געהערט דאָס לעצטע וואָרט: גאָט!

---

### ביי־נאַכט.

איך האָב דעם לופֿטשיק פֿון מייַן פֿענסטער אויפֿגעעפֿענט:

עס איז שוין גאָר שפּעט אין דער נאַכט. איך שטעה אין פֿענסטער. מייַן פֿענסטער איז אויף אַ פֿינפֿטען שטאָק — ביי טאָג זעהט מען דעכער, קוימענס איבער קוימענס. די נאַכט איז

שוואַרץ, ווי אין אַ ים. אין די שוואַרצע נאַכט קען איך נור אָפּ־
שיידען די שוואַרצע הויכע שאָטען פון די פאַבריקען־קוימענס. איך
הער אַ געוואַלד. — מענשען לויפען. דעם אויער רייסט דורך אַן
עכאָ פון אַ שיסעריי.

איך האָב דעם לופּטשיק צוריק צוגעמאַכט...

עס איז נאַכט. אימיצער קלאַפּט אין מיין טהיר.

— ערלויבט.

עס קומט אַריין מיין חבר אברהם. ער ווינקט צו מיר. „וואָס
איז?"

— ווילסט געהן?

— וואו?

— דאָרט אַהין...

דעם „דאָרט" האָב איך שוין פערשטאַנען וואָס ער מיינט און
איך האָב איהם ערשטוינט אָנגעקוקט.

ער האָט פערשטאַנען, וואָס איך מיין.

— עס שאַדעט נישט, זאָגט ער, דו געהסט מיט מיר.

און מיר זענען געגאַנגען.

איך געדענק ניט ווי און וואוהין. ער האָט מיך ערגיץ וואו
אין די יודישע גאַסען פערפיהרט, אַריין מיט מיר אין אַ לאַנגען,
שוואַרצען קאָרידאָר, דערנאָך אויף טרעפּען, און אַרום אונז איז אַזוי
שוואַרץ געווען. דאַכט זיך, אַז נישט די רוסישע ביוראָקראַטיע איז עס
אימשטאַנד צו געפינען, ניט אפילו דער סאַמע טייפעל אַליין. אַרויפ־
געהענדיג אויף די טרעפּען, האָט מיין האַרץ געקלאַפּט. אָט דאָ קום
איך אָן אין ריכטיגען „מקור"...

מיין חבר האָט ערגיץ וואו אָנגעקלאַפּט צי אין אַ טהיר, צי אין אַ וואַנד, געגעבען אַ פּראַל און אַ טהיר האָט זיך געעפענט.

מיר זענען אין אַ קליין פינסטער שטיבעל, וואָס דער פּלאַם פון דעם ברענענדיגען לעמפּיל איז פערטרונקען געוואָרען אין אַ וואָלקען רויך פון פּאַפּיראָסען און קעפּ. איידער מיר זענען אַריין, ועהט זיך אויס, האָט מען געמוזט זיין פערנומען אין זעהר אַ ערנסטען שמועס, נאָר ביי אונזער אַריינקומען איז דער שמועס געוואָרען איבערגעהאַקט, און עס איז זעהר שטיל געוואָרען.

איינער האָט אויפ'ן צווייטען געקוקט.

אויף אַ בעט, ביי אַ קליין טישעל איז געזעסען אַ פריילין מיט זעהר שוואַרצע האָר, אַרום איהר האָבען זיך יעצט אַרומגעקליבען אַ פּאָר יונגע לייט און מען האָט זיך אָנגעהויבען צו סוד'ען.

אין דער קופּקע איז אויך אַריין מיין חבר אברהם, ער האָט עפּעס זעהר ערנסט גע'שענה'ט, מעהר מיט די הענד, ווי מיט'ן מויל. איינינע האָבען פּראָטעסטירט, דאָך, נאָך אַ לאַנגע ווייַלע האָט זיך דאָס פריילין אָבגערופען:

— חברים, רעדט ווייטער!

ווי עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזען, האָט מען גערעדט וועגען אַ גראַנדיאָזער מאַניפעסטאַציע אויף מאָרגען צום צעהנטען פּאַוויליאָן, פאָדערן די קערפּער פון די טויט-גערוכטע חברים: יענקל'ס און נאָך אַנדערע.

אין אַ ווינקעל איז געזעסען איינער אַ יונגערמאַן, זעהר מאָרנע אָנגעטהון. (דערנאָך בין איך געוואָהר געוואָרען, אַז עס איז אַ זעלנער פון שלאָס) און האָט דערצעהלט פון דער נאַכט, ווען מען האָט יענקל'ן זיין רעכט'ס געטהון.

זיכער, מיט רוהיגע טריט איז יענקעל געגאַנגען, געפיהרט צווישען די צוויי זעלנער צו דער תליה, און שטעהענדיג אויף דער תליה, איידער דער תליון האָט איהם דעם שטריק איבער׳ן האַלז פאַרלייגט, האָט ער זיך געווענדעט צו די זעלנער, צו די אָפיציער׳ען:

„זעהט, מענשען זענען זיך מוסר נפש, געהען מיט זיכערע טריט צום טויט, קעמפּפענדיג פאַר די פריידהייט, פאַר אַ בעסערע צוקונפט, פאַר אונז, און פאַר אייך...

דער אָפיציער האָט געהייסען פויקען אַז מען זאָל נישט הערען, וואָס ער רעדט. נור דער זעלנער פון דער פויק, האָט זיך אַמינוט פערווייערט, געוואָלט הפנים אויסהערען, וואָס טראַכט אַמענש פאַר׳ן טויט.

און עס האָט זיך נאָך געהערט זיין קול...

— באָם-מ-מ-ם — האָט די פויק געקלאַפּט.

און שוין — אַלאַנגער חאָרכעל, אַצאַפּלען מיט די פיס. און פאַר אונזערע אויגען האָט שוין געהאַנגען אַ טויטער קערפּער, איינגעוויקעלט אין אַ קאַפּאָטע, טויט און שטום, נור מיט אַ טיעפען סוד פון „יענער וועלט“...

נאָך יענקל׳ען האָט מען אַרויסגעפיהרט אַ צווייטען בחור, וועלכען מען האָט געהאַט בעשולדיגט, אַז ער האָט געשאָסען אויף אַ קאָזאַק.

דאָס איז נאָך געווען אַ יונג קינד, פון אַ יאָהר 17—18, בלייך אויפ׳ן פנים, דאַר, און שרעקליך שוואַרצע אויגען, וועלכע האָבען זיך געוואָרפען אין זיין בלייך פנים ווי מייז-לעכער. די אימה פאַר׳ן טויט איז איהם געלעגען אויפ׳ן פנים. ניין, ער איז נאָך ניט געווען צוגעגרייט צום טויט, נאָר פערשטאַנען האָט ער די שרעקליכקייט פון דעם

אויפהערען צו זיין, און ער האט געוואלט לעבען, ווייטער לעבען, אין א פינסטערען קערקער, אבי נאר די האפנונג ניט צו פערלירען, לעבען.

ניט געהן האט ער געוואלט צום טויט, האט ער זיך פאר די וואנד געכאפט, און געמאכט שרעקליכע געוואלדען...

נור די געוואלדען זענען געווען אזוי אונמענשליך, אזוי שרעקליך און אזוי גרויזאם, אז די האר פון קאפ האבען זיך אויפגעשטעלט, דאס גאנצע שרעקליכקייט פון א מענש, ווען ער דערזעהט דעם טויט פאר זיך, איז געווען אין זיין געשריי.

— מאמע... לעבען... מאמע... מאמ...

פון די געוואלדען האט זיך דאס גאנצע פעסטונג אויפגעכאפט, ווייבער און קינדער האבען זיך אין די פענסטער געוויזען. מען דער־צעהלט, אז לאנג, שוין זעהר לאנג, האט מען ניט געהערט אין שלאס אזעלכע געוואלדען.

צוויי קאזאקען האבען איהם פאר די האר אנגענומען. די איבריגע ביי די הענד און פיס און האבען איהם צו דער תליה געטראגען.

און די פויק האט געקלאפט, הויך, שטארק, וואס אמאל העכער, שטארקער, נאר דעם אונגליקליכענס געוואלדען האט עס ניט געקענט פארטויבען.

אז מען האט איהם אויף דער תליה אנידערגעשטעלט, האבען זיך די פיס איהם הינטער זיך געבראכען, און ער איז געפאלען הינטער זיך, האבען איהם צוויי קאזאקען דעם קאפ מיט געוואלד הינטער דער פעטליע אריינגעשטעלט...

— מאמע... מאמ... — האט זיך נאך געהערט דאס לעצטע מאל דער אויסרוף פון אונטער דעם תליון'ס שווערד.

אין אַ מינוט אַרום האָט שוין אַ מענש — אַ שמאַטע גע־האַנגען, און איז שוין זעהר שטיל, זעהר רוהיג געווען...

דער עולם האָט די „מעשיות“ אויסגעהערט שטיל, אָבער דאָך גענוג גלייכגילטיג; זעהט זיך אויס, אַז זיי זענען געוואָהנט מיט אַזעלכע „מעשיות“ און עס מאַכט שוין אויף זיי קיין איינדרוק ניט.

דער עולם האָט זיך יעצט גענומען האַנדלען איבער דעם, ווי מעכניש די מאַניפעסטאַציע אויסצופיהרען, צו פערשטענדיגען זיך מיט אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, א. ד. ג.

אינדעם קלאַפּט מען אין טהיר.

דער עולם ווערט שטיל.

מען גיט אַ פּאַראָל און אַ קליין מענשיל גיט אַ קום אַריין און פיהרט מיט נאָך װעמען דאָרט. מען רוימט זיך עפּים

עס ווערט זעהר שטיל.

די אָנגעקומענע פערלאָזען באַלד דאָס חדר.

— חברים! — רופט זיך אָב דאָס פריילין, נאָכדעם ווי זיי זענען אַרויס, — וואַרשא איז געוואָרען ערקלערט אין קריעגס־צושטאַנד, דער גענעראַל גובערנאַטאָר האָט געגעבען אַ בעפעהל די זעלנער צו שיסען, ביי דער קלענסטער מאַסענפערזאַמלונג!

— חברים! עס לוינט זיך צו אָפּפערן אַ געוויסע צאָהל קרבנות אויף אַזאַ מאַניפעסטאַציאָן. עס שרייט אין די גאַסען — האָט זיך אָנגערופען אַ קול פון אַ אָנגעזעהענער פערזאָן.

— געווים — האָבען זיך אָבגערופען אַנדערע קולות, ווי מען װאָלט מענשען־לעבענס געציילט ווי די אַרבעס...

איך פרעג אין דער שטיל מיין חבר אברהם׳ן, אויב איך מאָג מיך אנרופען. אַ פּאָר „גענעראַלין“ האָבען מיך שטרענג אָנגעקוקט.

— חברים, זאג איך, יעדענס מענשענס לעבען איז א היילינטהום פאר זיך בעזונדער, א וועלט בעזונדער. מען טאר ניט שפיעלען זיך מיט יענעמס לעבען אויף צוועקען, מעג דער צוועק זיין ווי הייליג ער איז. איך האב נאר רשות אויף מיין אייגענעם לעבען, און קיינמאל נישט אויף יענעמס...

מען איז מיך בעפאלען ווי מיט האגעל:

— מיר דארפען נישט קיין רחמנות.

און אפשר האבען זיי רעכט.

זיי זענען וועג-ווייזערס, בויערס פון א נייער וועלט, און יעדער איז נאר א ציגעל צו בויען די נייע וועלט. איך בין א צובראכענער, ארימער זינגער, איך זעה אין יעדען מענש, אין יעדען אינדיווידואום א בעזונדערע וועלט פאר זיך אליין... איך וויל שוין גאר נישט רעדען.

מיין חבר האט מיך צוריק אראבגעפיהרט.

לאנג האב איך מיך גאס איין, גאס אויס געדרעהט, פיעל מאל האט מען מיך אבגעשטעלט, מיין פאס בעקוקט, פיעלע פאטרולען האב איך אויפ'ן וועג בעגעגענט פיהרען מענשען אין צירקעל אריין. ווי משוגע בין איך ארומגעלאפען. דאך צום סוף זיך צו מיין וואהנונג דערשלאגען...

אז איך בין ארויף די שווארצע, הויכע טרעפ, האט מיר אן אדער צי אין מח, צי אין הארצען געקלאפט:

— מארגען פאר'ן פאוויאק!

ווי א מידער הונד בין איך אויף מיין בעט געפאלען, און לאנג, לאנג אין דער פינסטערער נאכט געקוקט. דאכט זיך איך האב איבער עפיס וואס געקלערט.

נור וואס — געדענק איך ניט.

מאנטאג.

די זון האט אין מיין פענסטער געקוקט — בענגאסען מיין ארים שטיבעל מיט ליכט, און מיין הארץ האט עפעס ניט ווילענדיג אנגעהויבען צו קלאפען:

— מענש, שטעה אויף!

און אנגעצונדען מיט ענערגי האט עס מיך פון טרעפ געהויבען. איך בין אין גאס געקומען. שטיל איז אין גאס. די געוועלבער זענען צו, די שוי־פענסטער פערהאקט. מאסען מענשען דרעהען זיך איבער די טראטוארען, רוהיג, מיט איינגעהאלטענע טריט, האנד ביי האנד, אקסעל ביי אקסעל. און איין נשמה לעבט אין דער שווארצער מאסע, א נשמה פון אחדות, פון איין טהייל לעבען...

עס קומט צו געהן א מענשעל און ווארפט א ווארט... און ווערט פערשוואונדען. מען ווייסט נישט ווען, נישט וואו. און דער עולם איז שוין אראב פון טראטואר, פערנומען די גאס, און מען געהט.

צוויי הויכע שרענגעס הייזער ציהען זיך גאנץ ווייט אוועק און ווערען ערגיץ וואו ווייט פערנעבעלט. און צווישען די שרענגע הייזער— די מאסע, א ים קעפ.

און אויף דעם ים קעפ שווימט, ווי א זעגעל בוים, א פאהן א רויטער, און וויזט א וועג...

נישט פון גאלד געהעפט, נישט רייך געפוצט איז דער ארבייטער פאהן. אין די שווארצע נאכט, אין פינסטערען קעלער, האט די מאמע — די נויט — דעם פאדעם געשפינט, די שוועסטער — די טובאטניצע (פון דער טאבאק פאבריק), האט די פעדעם אויף דער וועבשטוהל אויפגעצויגען. און דער ברודער — דער דלות, האט דעם פאהן געשפינט.

אין בלוט זענען די פעדים געטונקט געווארען; אין בלוט פון די הרוגים, פון ארימקייט, פון גויטה און דחקות.

פלאטער, ארימקייט, פלאטער איבער דעם ים קעפ. און שארף און שטארק זאג דיין ווארט, ווארף דיין ווארט אין מענשענס געזיכטער.

שארף און שטארק, ווי דיין האמער, ווי דיין האנד איז.

און פון טויזענדער בריסטען איין געוואלד, איין געשריי: אין איין קול:

און די „שבועה“, ווי גאט'ס א ווארט, ווי א ווינד וואס אקארשט ארויסגעלאזט פון אונטער דעם „אוצר הרוחות“ טראגט זיך אין גאס. דער "יחיד איז אוים יחיד געווארען. יעדער איז געווארען א חלק אין דעם גרויסען, גרויסען כלל — אין דעם פייער פון אחדות — וואס איין אונגעהייערע, אונבעוואוסטע קראפט האט דאס אלע צוזאמענגעבונדען.

פייער, ארימקייט, דיין יום-טוב, דיין רויטען יום-טוב — דעם יום-טוב פון דיינע הרוגים!

זעלנער קומען אן.

א גאנצע ראטע. א מינוט האבען זיי זיך אבגעשטעלט. א מינוט האט זיך די מאסע אויך אבגעשטעלט. באלד ווי גאר נישט. איינער איז אריין אין צווייטען, און עס איז שטיל געווארען, זעהר שטיל.

צוויי רוחות האבען א מינוט איינער דעם צווייטען אין פנים געקוקט.

מען האט נאך נישט געוואוסט צי האט זיך שוין אנגעהויבען...

מען האט נאך נישט פערשטאנען וואס דאס איז. — עפעס א ווינד איז דורך אונזערע קעפ דורכגעפלויגען.

— טראך-כ-ך!

דאָ און דאָרט האָבען זיך מענשען איינגעבויגען אין דער מאַסע.
און אין דעם ים קעפּ זענען עפּעס לעכער געוואָרען. טראַכ-כ-כך!
אַ ווינד האָט מיין קאַפּעליוש אַראָבגעשלעפּט.
מיין חבר אברהם בייגט זיך איין.
— וואָס איז דיר?
ער ענטפערט מיר נישט.
— זוכסט עפּעס?
זיינע פיס גליטשען זיך אונטער איהם.
איך בייג מיך אַראָב, איך טאַפּ אָן, עפּעס זעהר אַנגענעהמעס רינט מיר דורך מיין האַנד.
וואָס איז דעם?
עס איז ווער געפאַלען איבער מיר.
מיין קאָפּ ליעגט אויף עפּעס זעהר ווייכעס.
עס איז מיר זעהר פינסטער אין די אויגען...

---

מיטוואָך.

זעהר פריה-מאָרגען.

די וועלט איז נאָך איינגעהילט אין האַלבען נעבעל, דאָ און דאָרט קערעוועס זיך אַרויס פון וואָלקען הויכע רייהען הייזער — אַ גאַס.

לעער און ליידיג איז די גאַס, קיין מענש, קיין פערד, קיין הונד. נור געדיכטע פּאַטרולען זעלנער געפיהרט פון אַ גאָראָדאָוואָי שפּרייזען דורך די גאַס. און די בעליידיגטע הייזער, טריבע, פעריתומ׳טע. עס דאַכט זיך, אַז די איינוואָהנער זענען אין זיי אויסגעשטאָרבען. אין יעדען פענסטער אַ מת בעדעקט מיט אַ שוואַרץ לייַלעך, און די זעלנער היטען קאַטאַקאָמבען...

לויות ציִהען זיך איבערן גאַס, פֿון שפּיטאָל אויפֿן בית-עולם. די קרבנות פֿון די מאָנטיקער דעמאָנסטראַציאָן. אַ שוואַרצער קאַסטען געצויגען פֿון אַ בלינד פֿערד. אַ קרייז פֿון פּאַרענט, אַ טאַטע אָדער אַ מאַמע נאָכן קאַסטען...

און זיי מישען זיך אויס, די זעלנער מיט די לויות, און די שטאָהלענע קרייזען קוקען אַרויס פֿון די שטאָהלענע זעלנערישע פּיקעס. און זיי שלעפּען זיך די שוואַרצע קאַסטענס ווי די קויהלען-וועגען פֿון דער טאַווערנע, דורך די אייזען-גאַס...

ווער זייט איהר יונגע קרבנות? — האָט מען האָטש אייערע נעמען פֿערצייכענט?

מיין חבר אברהם! ליעגט אפשר דיין קערפּער אין איינע פֿון די וועגען? — נור איך האָב דעם וואָגען נישט דערקענט — ווייל אַלע זענען געווען גלייך.

אַ קרייז פֿון פּאַרענט, אַ טאַטע, אַ מאַמע פֿון הינטען, פֿון ביידע זייטען מיט פּאַטרולען זעלנער בעגלייט.

שרייבענדיג די ווערטער, ליגט מיין טיכעל פֿאַר מיר, מיין טיכעל דורכגעווייקט אין דיין בלוט, אין דיין יונגעס בלוט.

אברהם׳ס בלוט, אברהם׳ס בלוט! איך האָב דיך געקאָנט. איך האָב געוואוסט דיינע ליידען, איך האָב אָבער אויך געוואוסט דיין גלויבען, דיינע שטרעבונגען, נאָך וואָס דו האָסט אַזוי הייס געקאָכט אין אברהם׳ס אָדערן...

אברהם׳ס בלוט. — פֿערגאָסען אויף מאַרשאַלקאָווסקי גאַס אין דעם רינגשטאָק. צו האָט ער כאָטש געוואוסט, דער סטאָראָזש פֿון מאַרשאַלקאָווסקי גאַס נומער 153, אַז דאָס בלוט וואָס ער האָט אָבגע-

וואַשען פון די שטיינער און אין זיין שאָף אויסגעשוועַנקט — איז געוועזן דיין בלוט — דיין יונגעס, לעבעדיגעס בלוט?!

איך האָב עס געקענט! — — — — — — —

---

מיט צוויי טעג שפּעטער.

פרייטאָג.

איך בין אין גאַס אַרויס. אַ טריט צוויי־דריי פאַר מיין טהיר בעגעגענט מיך אַ פּאַטרול. דעם סטראַזשניק — וואָס האָט געפיהרט דעם פּאַטרול — האָט אודאי מיין מיינונג נישט געמוזט געפעלען. געהט ער צו צו מיר און מען נעהמט מיך אין מיטען אַריין און מען הייסט מיר געהן. געה איך, אַ מינוט בין איך אַ בן יחיד; באַלד געהט דורך אַ צווייטער יוד, און האָט זיך אומגעקוקט הינטער זיך. דער סטראַזשניק האָט עס בעמערקט, געגעבען אַ ווינק צו אַ זעלנער, ער זאָל איהם הייסען מוחל זיין. און מיר געהען שוין געפּאָרט.

— שלום עליכם, אַ יוד.

— עליכם שלום, פעטער.

— אָבגעראַוועט, אָנגעבייסען און געגאַנגען אין גאַס אַרויס — מוכן ומזומן אַ גראָשען געלד פערדיענען. דאָס ווייב וואַרט מיט'ן מיטאָג אויף מיר, האָסט דו דיר אַ חתונה, זייער קאָפּ זאָל אַזוי שטעהן צו טאַנצען ווי מיינער שטעהט מיר, יעצט מיט זיי שפּאַצירען צו געהען.

— וואָס קענען מיר טהון?

— אַז מיר זענען אין גלות — לייגט ער צו — אָבער ווי לאַנג קען ער אונז פיהרען?

— ווי לאַנג עס וועט איהם געפעלען.

נישט לאַנג זענען מיר געווען אַ פּאָר'ל. מיר דערזעהען אַ דריטען צווישען זיך, געווען איז עס אַן אַרבייטער-יונגעל מיט אַ פּעקעל אין דער האַנד.

— שליעדזשאַ מאַם — (איך האָב אַ הערינג) ווייזט דאָס יונגעל דעם סטראַזשניק דעם אויפגעוויקעלטען הערינג, פון וועלכען טראָפּען זאַלץ האָבען גערינען.

— ניטשעוואָ, אידי, אידי!

— מיך האָט די מייסטערין געשיקט נאָך אַ הערינג מיט אַ ברויט— פיהרט ער מיך גאָר אין צירקעל (אוטשאַסטאָק) אַריין — זי קעהר אין דערהיים שוין לאַנג וואַרטען. — זאָגט דער יונג צו אונז.

— עס דערווייל דעם הערינג אויף, מען קען דיר נאָך איהם קאָנפיסקירען אין צירקעל.

— אודאי וועל איך אַזוי טהון, וואָס דען מיינט איהר — ברעכט דער יונג דעם הערינג אויף צוויי — אפשר ווילט איהר, פעטער, פערזוכען? — דערלאַנגט ער די צווייטע העלפט מיר מיט מיין שכן.

דער יוד וויל ניט.

— חאָטשעש, בראַט? — ווענדעט ער זיך מיט'ן האַלבען הערינג צו דעם זעלנער, וואָס געהט נעבען איהם.

— דאַוואי, בראַט! — מאַכט דער זעלנער, און נעהמט דעם הערינג אַריין אין אַרבעל, און זויגט איהם בעהאַלטענערהייט, ווי ער וואָלט אַ פּאַפּיראָס גערויכערט, שטעהענדיג אויפ'ן קאַראַאול.

— טי סטאָי! — שרייט דער סטראַזשניק צו אַ דורכפאָהרענדע דראָשקע, דער זעלנער האַלט שוין דאָס פערד אַיין.

אַ דערשראָקענער יונגערמאַנטשיק, עלעגאַנט געקליידעט, קיקט אַרויס פון דראָשקע.

— ווילעזאַי — בעפעהלט דער סטראַזשניק.

— גוואַלד, מיין ווייב געהט מיר צו קינד, איך פאָהר נאָך די היבאַמע, שרייט און בעט זיך דער יונגערמאַנטשיק מיט טרעהרען אין די אויגען.

— ניטשעווא, בראַט, ווילעזאַי — בעפעהלט דער סטראַזשניק.

ער איז נעביך אַראָבגעקראָכען פון דראָשקע. אַ ברירה האָט ער געהאַט!

— זי מוז שוין געווינען — קרעכצט דער יונגערמאַנטשיק.

— מזל טוב, אַ בן־זכר — זאָגט דער יוד.

— שטעלט, פעטער, לעקעך און בראָנפען.

יענע לאַכען.

— אַ חורבן נאָך דעם געלעכטער.

אַזוי שפּאַצירען מיר איבער טוואַרדאַ גאַס.

און דאָ לויפען מענשען, האַנדלען און וואַנדלען, שאַפען זיך געלד, וועקסלען צו צאָהלען, — אַ פינף זעקלעך מעהל קויפען. אַ פּראָווינצער יוד לויפט אַיינקויפען, און אַהיים כאַפּען זיך, — ווייל די באַהנען וועלען זיך שטעלען.

אַ יודינע מיט עפּעל שטעהט ביי אַ לאַמטערן און פערקויפט עפּעליך חדר־יונגליך.

דעם סטראַזשניק געפעהלט נישט די יודינע, אודאי „אַ אינטעליגענטקע”, אַ „רעוואָלוציאָניסטקע”, אַ קשיא אויף אַ מעשה, אַז מיר זענען געוואָרען איבערגעגעבען אויף דעם סטראַזשניק'ס פּסיכאָלאָגיע.

ער נעמט די יודינע.

— א בייזע נאכט אויף זיין קאפ! איינגעשלאסען די קינדערלעך אין דער היים, ארויסגעלאפען א פאר גראשען לייזען און א ברויטעל קויפען.

— יודען, געוואלד! וואס טהוט מען? די קינדער קענען דאך אין דערהיים פאר הונגער אויסגעהן.

אן עצה איז דא דערויף? — מיר געהן ווייטער.

— ווי לאנג קען דער שפאציער דויערן?

— עס זאל זיך כאטש ענדיגען פאר דריי, איך האב מיטאג פונקט דריי א זייגער. מיין ווייב וואלט מיר דעם טויט געמאכט, ווען איך וואלט מיך פערשפעטיגט. — רופט זיך אן איינער צווישען אונז.

— איהר וועט עסען מיטאג, ברוך השם, אהן דעם ווייב, אין אן אנדערע חברותא — איז איהם מבשר בשורה דער יונג פון הערינג.

— אודאי נישט דאס ערשטע מאל ביי איהם — טרעפען טהייל אויף דעם יונג — מיטגעמאכט שוין אמאל די חתונה? הע?

— מיטגעמאכט, וואס דען?

— נו?

— איהר וועט פערזוכען — וועט איהר געניסען...

ביי ענדע קרולעווסקא גאס האט דער סטראזשניק א יונגענ־מאנטשיק וואס האט געוואלט פלינק אויף יענער זייט טראטואר דורכ־געהן, אפגעשטעלט.

— שטעה!

— איך האב א פאס, — זאגט דער יונגערמאנטשיק — און נ'צהמט ארויס א ביכעל פון קעשענע — „חיים גולדמאכער".

— ווסיאָ ראַוונאָ — זאָגט דער סטראַזשניק. — אין צירקעל וועט מען זעהען.

און ער געהט שוין צווישען אונז.

— איך האָב אידם אין דרערד, איך קום אין צירקעל אַריין; געה איך צו צום קאָמיסאַר, — וועט איהר זעהען, כאַפּט ער די עליה: מיינער אַ גוטער בעקאַנטער, וואַרט, טאָמער טרעף איך דאָ דעם פּאָ־מאָטשניק, אַ רעוויראָווע פון צירקעל אויפ'ן וועג — איך זאָג נור איין וואָרט... זאָגט דער יונגערמאַנטשיק וואָס האָט אַ „פּאַס"

— הערר לעבען! — הויבט זיך אָן צו בעטען ביים „מאַכער" די יודינע, — אַ לעבען אויף אייך, ראַטעוועט אַרויס אַן אומגליקליכע מאַמע, כ'האָב די קינדער אין קעלער איינגעשלאָסען.

— קאָוואַלעווסקי: — שטעלט זיך פאַר פאַר אידם דער יונגער־מאַנטשיק, וואָס איז געפאָהרען נאָך דער הייבאַמע, — און רוימט אידם עפּעס אַריין אין אויער.

— עס וועט שוין רעכט זיין, שוין רעכט זיין... ווינקט דער יונגערמאַנטשיק וואָס האָט אַ „פּאַס".

— יונגער מענש, אַז איהר זייט שוין יאָ אַזאַ בריה — טאָ לאָז מען זעהען אייערע גבורות — זאָגט צו אידם דער יוד פון מיטאָג, און נעהמט אונז אַלע אַרויס פאַר דריי אַ זייגער, מיר זענען דאָך גאָט די נשמה שולדיג.

— לאָז מיך נור אַ שטיקעל רעוויראָווע הינטער די האַנד אַרונ־טער קריגען — וועלען מיר שוין דערנאָך רעדען.

— אָט געהט, געהט אַ רעוויראָווע שרייט איינער פון די „פּאַר־טיע", הערשעהענדיג אַ רעוויראָווע אויפ'ן טראָטואַר.

דער יונגערמאַן, דער „מאַכער" קוקט לאַנג.

— אַ בעקאַנטער? פרעגט מען איהם.

— יאָ, אַ בעקאַנטער, סטעפאַן מיכאַילאָוויטש.

— פּאָזוואָלטיע, פּאָזוואָלטיע — שרייט דער יונגערמאַן און מאַכט מיט די הענד — ווי איינער וואָס ראַטעוועט זיך פון וואַסער אַרויס.

דער רעוויראָווע קומט צו.

— גאָספּאָדין סטעפאַן מיכאַילאָוויטש — שטעקט דער יונגערמאַן צו איהם די האַנד אויס אויף „שלום עליכם“, ניע אוזנאַלי?“

— אַ קטאָ טי טאַקאָי? פרעגט איהם דער רעוויראָווע.

— יאַ ח־י־ם גאָלד־מאַ־כער — דריקט אויס דער יונגערמאַן שאַרף זיין נ־אָמען.

— ניע זנאַיו, קאַקוי גאָלמאַכער — רופט זיך אָן דער רעוויראָווע און ווענדענדיג זיך צום סטראַזשניק, מאַכט ער אויף זיין לשון: דיערזשי, דיערזשי!

— נישט דערקענט — שאָקעלט דער יונגערמאַנטשיק מיט'ן קאָפּ, רויט־טויט פאַר חרפה.

— אַז עשו וויל ניט, דערקענט ער נישט — זאָגט אַ ייד.

— אין אוטשאַסטאָק — וועל איך איהם שוין ווייזען — שטאַמעלט דער יונגערמאַנטשיק, פאַר חרפה.

און אַזוי האָט מען אין גאַס שפּאַצירט ביז עס האָט זיך געהאַט אָנגעזאַמעלט אַ שטיק 20—30 — האָט מען אונז אין צירקעל אָבגעפיהרט.

פאַר דער טהיר פון צירקעל האָט מען בעגעגענט איינינע אַזעלכע „קאָמפּאַניעס“ און מיר האָבען בעגריסט איינער דעם צווייטען.

אַז מיר זענען אין פאָדער־צימער פון צירקעל געשטאַנען — האָט

מען געהערט פון אינעווייניג שרעקליכע געוואלטען, געשרייען, אזוי ווי פון אונטער דער רוט.

דער יונג פון הערינג איז צוגעגאנגען צו דעם יודען, וואס האט זיך „דורכאויס" אהיים געאיילט אויף דריי א זייגער צו מיטאג, און קלאפענדיג איהם אין רוקען, מאכט ער אזוי:

— גרייט אייך צו, פעטער, צו די „לאקשען" וואס מען טהיילט דרינען.

דער יוד איז בלאס־טוידט געווארען.

---

3 א זייגער.

מען זאגט, אז פאליציי האט בעקומען א בעפעהל נישט צו שטערען די מאניפעסטירענדע. די פאטרולען אין גאס ווערען וואס אמאל ווייניגער. וואס אמאל ווייזען זיך מעהר זעלנער צווישען פובליקום.

פון איין גאס צו דער צווייטער ציהען זיך מאניפעסטאציעס מיט רויטע פענער. דער סטראזשניק ביי'ן עק גאס שטעהט, זעהט און גלויבט זיינע אויגען נישט. דאס פובליקום פערלאנגט פון איהם ער זאל דאס היטעל אראבנעהמען, ער טהוט דאס מיט א אידיאטישען שמייכעל אויף די ליפען. טייל פון פובליקום שטעקען איהם די רויטע פאהן אין האנד אריין און נעהמען איהם מיט, פארויס. פנים'ער ווייזען זיך אין די פענסטער, מענשען אויף די באלקאנען, פאכען מיט די ווייסע טיכלעך, א מענש קומט אן געגען דער מאניפעסטאציע:

— בעגריס די פרייהייט!

— עס זאל לעבען די פרייהייט!

א אפיצער אויפ'ן טראטואר נעהמט אראב דאס היטעל.

— ניעדער מיט דער זילבסט־הערשונג!

— ניעדער מיט דער זעלבסט-הערשונג — שאָקעלט מיט דער אָפּיצער מיט'ן קאָפּ.

אויף אַ לייטער אין מיטען גאָס שטעהט אַ „בונדיסט" און רעדט צום פאָלק:

„מיר געניסען פון דער פרייהייט, בשעת די וואָס האָבען אונז גע-געבען די פרייהייט שמאַכטען אין די קערקערס פון פּאַוויאַק אין דעם צעהנטען פּאַוויליאָן"!

— צום פּאַוויאַק! שרייט דאָס פּובליקום!

— צום פּאַוויאַק!

עס קומט אָנצולויפען אַ קאָמיסאַר פון אַ צירקעל, דאָס האַרץ זיינס קען נישט פערטראָגען, וואָס עס טהוט זיך אין גאָס אָב. עס געהען דורך אייניגע זעלנער מיט ביקסען. ער לויפט צו צו די זעלנער און קאָמאַנדירט:

— שיסען!

— טררראַר-כך!!

און עס פאַלען צוויי מיידלעך, זייערע האָר איינגעטונקט אין בלוט.

דאָס פּובליקום גיט אַ רינגעל אַרום די זעלנער, מען גיט אַ חאַפּ פון זיי די ביקסען אַרויס. דער קאָמיסאַר אַנטלויפט אין אַ אָפענעם טויער, וואָס איז געוועזען נעגנען-איבער איהם.

דאָס פּובליקום לויפט נאָך. ער האָט דאָס טהויער פערקלאַפּט.

— אויפרייסען! שרייט דאָס פּובליקום, און הונדערטער הענד געבען זיך אַ לעהן אָן אין טהויער.

— פערברענען דאָס הויז מיט איהם אין איינעם! שרייען אַנ-דערע.

עס בעוועגט זיך א אפיצער אויף א טיש.

— „חברים — גיט ער א געשריי — פערשמוצט ניט אייערע הענד אין זיין ברודיג בלוט. ברודיג איז זיין בלוט, וואס האט נישט פערשטאנען די פרייהייט, ניט איהם איבער אין מיין האנד. איך וועל איהם משפט'ן“.

— גוט! שרייען קולות פון פובליקום.

מען רייסט אויף דאס טהויער, מען פיהרט ארויס דעם קאמיסאר. דער אפיצער רייסט פון איהם די שליפעס אראב עמעצער פון פובליקום חאפט ארויס דעם קאמיסארס שווערד, און צוברעכט איהם אויף שטיקלעך, מען נימט איהם א נעהם און צוויי יונגען פיהרען איהם הינטער'ן ארעם אין צירקעל ארויס.

— אזוי ווי ער האט ביז יעצט מיט אייך געטהון — אזוי טהוט מיט איהם איצט.

אך פובליקום, פובליקום, ווי לייכטזיניג דו ביזט...

אך פובליקום, פובליקום, ווי אונבערעכענט דו ביזט.

עס ווערט שטיל.

פון דארט קומט אן א מאניפעסטאציע. די מאניפעסטאציע טרעט אב אן א זייט, און מאכט א וועג פאר יענער, עס ווערט זעהר שטיל צווישען עולם. אלע נעהמען די הימלען אראב. אלע בויגען די רויטע פעהנער לכבוד יענער מאניפעסטאציע, וואס קומט אן צו ציהען פון מארשאלקאווסקא גאס.

וואס איז געשעהען?

רוהיג און שטיל געהט דורך די מאניפעסטאציע דורך די גאס. צוויי סטודענטען טראגען א טויטען חבר אויף די ארעמס. פארויס

געהען איינינע פריילינס, טראגענדיג דעם געהרג'טענס מאנטעל אין בלוט איינגעטונקט...

שטיל איז געוועז די מאניפעסטאציע.

אהן געזאנג, אהן רעדעס...

---

פארנאכט.

די גאס איז ווי די וועלט עפיס געווארען פון גלות אויסגע־לייזט... פון אלע הייזער האבען זיך טהיר און טהויער געעפענט. און חוואליעס מענשען האבען זיך פון די הייזער ארויסגעגאסען. אין גאס איז היימליך. די גאס איז פרעהליך.

אלע מיט יום־טוב'דיגע פנים'ער, רויטע בלומלעך אין די קלא־פעס, פריילינס מיט רויטע בענדער אויף דער ברוסט, מיט געזאנג אויף די ליפען לאזען זיך פון גאס צו גאס. איינער קען נישט דעם צווייטען, און איינער בעגריסט דעם צווייטען, מענשען קושען זיך אויף דער גאס, אונבעקאנטע מיט אונבעקאנטע נעהמען זיך אין די ארעמס, שפאצירען אין איינעם, און זינגען אין איינעם איין פרייהייטס ליעד. א זעלנער מיט א ביקס זעהט מען אין גאס נישט. די איינצעלנע זעלנער וואס געהען אין גאס, האבען זיך אין איינעם אויסגעמישט מיט'ן פובליקום, דארט קושט זיך א יונגערמאן מיט א זעלנער, דארט חאפט דאס פובליקום א זעלנער אויף די הענד, און טראגען איהם אין מיטען גאס.

— בעגריס די פרייהייט!

— עס זאל לעבען די פרייהייט!

— הורא!

אין די פֿענסטער ווײַזען זיך אילומינאַציעס. פֿון איבער דעכער שיסען אויס ראַקעטען, וועלכע צינדען אַ האַלבען הימעל אונטער. און איבער די גאַסען גיסען זיך חוואַליעס מענשען, איינע אויף די צווייטע, אויף אַלע געזיכטער שטראַהלט אַיין האָפֿנונג און עס גיסט זיך דאָס געזאַנג פֿון טויזענדער מײַלער:

„און ריכטער וועלען, דענסטמאָל, זײַן מ י ר !“

אַלט און יונג, קינד און קייט, זענען אויף דער גאַס. פֿרײַ און אָפֿען איז אַלץ געוואָרען, עפּיס אַ גרויסער יאָך איז פֿון אַקסעל געפֿאַלען, און דיר דאַכט זיך, אַז די גאַנצע וועלט איז פֿערוואַנדעלט געוואָרען אין אָט יענע וועלט, פֿון וועלכער מיר האָבען זיך אין אונזערע קינדער־יאָהרען אַזוי פֿיעל לעגענדען אָנגעהערט — אין די פֿרײַהייטס־וועלט וואָס איז אויף יענער זײַט ים. דאָס פֿאָלק קושט דעם סאָלדאַט, וואָס טרעפֿט אָן אויפ'ן וועג. שטעקט אָן די קעשענעס פֿון דעם סטראַזשניק מיט אַלע גוטע זאַכען. און וואַרעם דריקען איהם יונגע מענשען די האַנד און בעגריסען איהם:

— פֿרײַער בירגער!

פֿערגעסען האָט דאָס פֿאָלק די שנאה פֿון נעכטען, פֿערגעסען אָן די נקמה, וועלכעס זי האָט געשוואוירען בײַ די קברים פֿון די קרבנות. פֿערגעסען האָט דאָס פֿאָלק אָן אַלעס. און איין גרויסע ליעבע האָט אַרומגענומען דעם מענשענס האַרץ. און ברײַט און ווײַט האָבען זיך די אָרעמס אויסגעשפּרייט:

— גאָט ווי ברײַט איז דײַן וועלט!

און צו דעם טיראַנישען בעדריקער האָט דאָס פֿאָלק די האַנד אויסגעשטעקט, און הערצליך און ברודערליך זײַן האַנד געדריקט.

— זײַ בעגריסט, דו פֿרײַער בירגער!

און די פֿרײַהייט האָט זיך אין דער לופֿט געטראָגען, אָנגעפֿילט דעם גאַנצען רוים און ווער עס האָט די לופֿט געשעפּט האָט אין זיך די פֿרײַהייט געפֿילט:

— זײַ בּעגריסט, דו פֿרײַער בּירגער!

נאָר דאָרט ווײַט אין עק גאַס צווישען די צוויי הויכע ציילען הײַזער איז די זון אונטערגעגאַנגען אין אַ רויט געשטאַלט, און אַ נעבּעל האָט אײַנגעהילט די גאַס. דער רויטער זון־אונטערגאַנג האָט פֿון דעם נעבּעל אַרויסגעקוקט, און דערמאָהנט אָן עפּעס...

עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָרט זענען פֿערגליווערט געוואָרען די שטראָמען בּלוט פֿון די טויזענדער יונגע לעבּענס וואָס די איינע מינוט פֿרײַהייט האָט אָבּגעקאָסט, און פֿון דאָרט, פֿון יענער זײַט וועלט ווינקט אַהער צו אונז דאָס בּלוט, און גריסט פֿון דערווײַטען:

— זײַ בּעגריסט די פֿרײַער בּירגער!

— צום פּאַוויאַק! פֿאַר'ן ראָטהויז!

— בּעפֿרײַען די אַרעסטירטע!

אַמנעסטיע!

פֿון עק גאַס קומט אָן צו ציהען אַ לאַנגע און אַ בּרייטע מאַני־פֿעסטאַציע מיט רויטע פֿעהנער און מיט געזאַנג. פֿאָרויס לויפֿט אַ יונגערמאַן מיט אַ שטעקען אין דער האַנד, און מאַכט עפּעס אַ מיט'ן שטעקען אַהין און אַהער. עס לויפֿט איין יונגערמאַן נאָכ'ן צווייטען, שטעלען אָבּ ווענען זיי טרעפֿען אויפֿ'ן וועג:

— צום פּאַוויאַק! צום פּאַוויאַק!

פֿאַר'ן פּאַוויאַק זענען שוין געשטאַנען איין דעמאָנסטרירענדע מאַסע נאָך דער צווייטער. יעדע פּאַרטיי מיט איהר פֿאָהן. פֿאַר יעדער

פארטיי-מאסע איז געשטאנען א רעדנער אויפ'ן צווייטענס אקסעל, און גערעדט פאר'ן עולם:

...מיר געניסען פון דער פרייהייט וואס זיי האבען אונז געגעבען, יעצט אין דער מינוט ווען זיי שמאכטען נאך אין די פינסטערע קאמערן פון פאוויאק! ניין! נישט פריהער וועלען מיר אבטרעטען פון דאנען ביז זיי וועלען נישט זיין צווישען אונז!...

און וואס אמאל מעהר זענען אנגעקומען איין הויפען נאך דעם צווייטען, איין מאניפעסטאציע נאך דער צווייטער און האבען פערנומען די גאנצע דזיעלנא, קארמעליצקא ביז נאך לעשנא.

די קארמעליצקא גאס איז אין איין מינוט געווארען בעלויטען אין איין פלאם פייער. אין יעדען פענסטער, פאר יעדע טהיר זענען געווען ארויסגעשטעלט לייכטענדע לאמפען, ברענענדע ליכט און גרויס און קליין, יונג און אלט האבען פערוואונדערט געקוקט, וואס טהוט זיך דא אב.

פאר'ן פאוויאק, פנים אין פנים פון די מאניפעסטאנטען זענען געשטאנען קאזאקען אויף די פערד, מיט די ביקסען אין די הענד און האבען נישט צוגעלאזט די מאניפעסטאנטען צו'ם פאוויאק צו. די מאניפעסטאנטען האבען אויסגעשיקט פון זיך דעלעגירטע—פארשטעלען זייערע פערלאנגען די אפיצערען פון די קאזאקען:

מיר ווילען אונזערע ברידער דא צווישען אונז! האבען די דעלעגירטע געזאגט צו די אפיצערען.

— חברים, לאזען מיר אויפהויבען אונזערע שטימע, לאזען מיר הויך זינגען אונזערע פרייהייטס-ליעד, אז זיי דארט אין די פינסטערע לעכער פון פאוויאק זאלען אונז דערהערען! זאלען זיי וויסען, אז מיר זענען געקומען הינטער די טהויערען פון פאוויאק זיי בע-

פֿרייען און פֿריהער וועלען מיר נישט זיך רירען פֿון אָרט ביז זיי װעלען נישט זיין צווישען אונז — האָט איינער געשריגען פֿון עולם, רייטענדיג אויף אַ צווייטענס אַקסעל.

עדות וועלען זיין די ליכטיגע שטערען..."

און פֿון ערגעץ וואו גאַנץ טיעף, וואו עס מוז זיין זעהר טונקעל און פֿייכט האָבען שטימען פֿון ציטערנדיגע ברוסטען אָבגעענטפֿערט, און עס האָט זיך געדאַכט, ווי זיי וואָלטען פֿון אַ הוילען פֿאַס אַרויסגעגאַנגען:

„מיר שווערען! מיר שווע-רען!"

דאָס איז געווען די שבועה פֿון זיי דאָרט, פֿון שוואַרצען פֿייכטען גרויסען פֿאַוויאַק...

דער פֿרייהייטס טאָג איז אין די שטיבער אַריינגעדרונגען און אַרויסגערופֿען אויף די גאַס קינד און קייט:

— קומט געניסען פֿון פֿרייהייטס טאָג!

און פֿערלאָזען האָבען די שטיבער פֿרויען און אַלטע לייט, מאַמעס האָבען זייערע זויגענדע קינדער אין די אָרעמס גענומען און שוועסטערס האָבען זייערע יונגערע ברידערליך ביי די הענדלאַך גע-פֿירט. מען איז געגאַנגען אין גאַס אַריין צו „זעהן" די פֿרייהייט.

בעלויכטען איז געווען וואַרשא, און פֿריי האָט זיך געפֿיהלט וואַרשא. דאָ און דאָרט האָבען זיך געזאַנגען געהערט, און דאָ און דאָרט האָבען זיך מענשען מיט זעלנער מיט סטראַזשניקעס געקושט...

און די פֿאַליעס מענשען האָבען זיך געיאָגט איינער נאָך דער צווייטער און האָבען פֿערנומען דעם גרויסען טעאַטער-פּלאַץ, וואָס איז פֿאַר'ן ראָטהויז.

פֿול מיט מענשען איז געווען דער פּלאַץ.

אײן גרױסע אומגעהײַערע שװאַרצע מאַסע. די מאַסע האָט באַלױכטען פֿערשידען-קאָליאָרטע לעמפּלעך װאָס זענען אָנגעבונדען בײַ די רױטע פֿעהנער און אָן דעם קײזערס מאָנאָגראַם, װאָס איז געהאָנגען פֿאַר׳ן ראַטהױז. פֿון דעם טעאַטער-באַלקאָן האָבען זיך אַראָבגעגאָסען די מוזיק-טענער פֿון דער „רױטער-פֿאָהן“. די טענער זענען געפֿאַלען אין דער מאַסע אַרײַן, די מאַסע האָט זײ צוריק אױפֿגעהױבען, און עס האָט אַ װײַטער עכאָ פֿון טױזענדער קולות װײַט װײַט אָבגעקלונגען. דאָ און דאָרט האָבען זיך געהערט רעדעס פֿון אַניטאַטאָרען, די בעלי בתים, װאָס האָבען מיט אַמאָל זײערע צימערן פֿערלאָזען נאָך מאָנאַטען-לאַנגען קרינס-צושטאַנד האָבען זיך אײַנגעהאָרכט מיט נײַגעריגקײַט צו די רעדעס פֿון די אָראַטאָרען; זײ האָבען זיך צוגערירט מיט נײַגעריגקײט צו די רױטע פֿעהנדליך, װילענדיג װיסען, װי זעהט דאָס אױס, װאָס האָט נאָך נעכטען געשמעקט מיט טױדט און הײַנט איז עס שױן אַזױ אָפֿען... דער עולם האָט זיך מעהר געװײלט, קײן שפּור פֿון אַ רעװאָלוציאָנערער שטימונג. עפּעס אײנער איז מיט׳ן צװײטען נאָהנטער געװאָרען, חבר געװאָרען, און אַלע האָבען זיך דערפֿרײלט, אַז עס איז געשעהן אַ זאַך װאָס געהער זיך מיט אַלעם אָן.

אױפֿ׳ן באַלקאָן פֿון ראַטהױז האָט זיך געװיזען דער פּאָליצמײַסטער, אַ טהײל פֿון פּובליקום האָבען איהם בעגריסט... און ער האָט זיך גענײגט... אײן רעדנער, אַ צװײטער, אַ דריטער רעדנער — האָבען פֿערלאַנגט פֿון איהם אין נאָמען פֿון פּאָלק, אַז ער זאָל בעפֿרײַען די פּאָליטישע אַרעסטירטע, מיט װעלכע עס זענען דורך דעם קרינס-צושטאַנד פֿול געװאָרען אַלע טורמעס, אַסטראָגען, שלײַכער און גלאַט קאַזאַרמעס. ער האָט צוגעזאָגט צו בעפֿרײַען, די װעלכע

ער האָט אַרעסטירט און זיצען בײַ איזום אין ראַטהויז. דער עולם האָט פון זיך געמאַכט צווײ ריידען. דאָס הויכע שווערע טהויער פון ראַט-הויז האָט זיך אויפגעעפענט און עס האָט זיך באַוויזען די ערשטע פּאָליטישע אַרעסטירטע. געווען איז עס אַ הויכע מאָגערע פרוי מיט אַ קינד אויף דער האַנד אַרום-געוויקעלט אין אַ אַלטען צוריסענעם טוך. די פרוי האָט מען געפירט דורך די ריידען אונטער דער חופּה פון אַ רויטען פאָהן. די מוזיק פון טהעאַטער-באַלקאָן האָט אַראָב-געגאָסען זײַן שאַהל-מעלאָדיע און דאָס צעהן-טויזענדע פּובליקום האָט זי באַגריסט מיט אַ דונערשטאַרקען „הוראַ“! אַזוי האָט מען אַרויסגעלאָזט פון ראַטהויז אַ צוואַנציג, דרײַסיג אַרעסטירטע.

און ווידער אַמאָל האָט זיך דאָס גרויסע שווערע טהויער פון ראַטהויז פערקלאַפּט מיט זײַן אײַזען-ריגעל פאַר די אינוועניגסטע.

נאָר דאָס פאָלק איז אַלץ ווײַטער געשטאַנען. אויפ'ן באַלקאָן ווײַזט זיך ווידער אַמאָל דער פּאָליצמייסטער מיט אַ ברוסט באַלעגט מיט אָרדענס און נייגט זיך צום פאָלק... זײַן פרוי שיקט צום פאָלק דורכ'ן פענסטער מיט דער האַנד קושען אַראָב...

און דאָס פאָלק באַגריסט זיי...

נאָר נאָך ווײַלט זיך דאָס פאָלק. נאָך איז נישט פערזויערט געוואָרען דער דאַנקבאַרער שמייכעל אויפ'ן בעל הבית געזיכט, וואָס דעם פּאָליצײַ-מייסטערס ערשיינונג האָט אויסגערופען אויף איהם. מיט אַמאָל, פּלוצלונג, מען ווייסט נישט ווי אַזוי עס איז געוואָרען, אין פּובליקום ווײַזען זיך קאָזאַקען אויף פערד, דאָס פאָלק באַגריסט זיי... אַ פרוי שטרעקט איהר האַנד אויס צו אַ קאָזאַק.

— זאָל זײַן באַגריסט די פרײַהייט!

מען דריקט זיך... דאַכט זיך מען לויפט...

— וואס איז געשעהן? א גרויזאמער געוואלד ערשרעקט די לופט... א פרויען-געוואלד... קינדער וויינען...

מען האט אנגעהויבען צו לויפען. איין מענש איז איבער'ן צווייטען געלאפען. א נאקעטער שווערד האט א בלישטש געגעבען, עס האט זיך דערהערט א געשריי, און דער געשריי איז אין מיטען פלוצלינג אבגעריסען געווארען... איין מענש איז געפאלען אויפ'ן צווייטען, איינער האט זיך הינטער דעם צווייטענס קערפער בעהאלטען. יעדער איינציגער האט זיין קאפ אין יענעמס קערפער אריינגעשטעקט, מאמעס האבען זייערע קינדער הינטער זיך בעהאלטען, בעשיצענדיג זייערע לעבענס מיט זייער פרויען-קערפער... די קאזאקען האבען זיך מיט די פערד געגעבען אלאז ארויף אויפ'ן פאלק. פערדישע פארקאוועס האבען אויף פרויען-קעפ, אויף פרויען-בריסטען געטרעטען. די שווערדען זענען געפאלען אויף קעפ, אויף פנים'ער, איבער האלז און נאקען. טהייל האבען בעשיצט זייערע קעפ פאר'ן קאזאקס שווערד מיט די פינגער פון זייערע הענד... נאר די פינגער פון די הענד זענען געפאלען נישט קענענדיג ראטעווען די שארבענס פון די קעפ. טהייל האבען אוים משוגעת זיך אליין אונטער דעם קאזאקס פערד געווארפען, שיצענדיג זיך פון בלאנקען-שווערד וואס האט געלויכטען גענען דאס ליכט פון קייזער'ס מאנאגראם. נאר מעהרסטען עולם האבען זיך געגעבען א לאז צו דעם סקווער, וואס איז מיט א שווארץ-אייזערנעם צוים ארומגערינגעלט. אזוי האבען זיך מענשענס קערפערס צו שטאהל און אייזען זיך געפרעסט און געשטיקט און פרויען-בריסטען, און קינדער-לייבער זענען אויף די שפיצען פון דעם אייזען-צוים געבליבען הענגען, בעגיסענדיג דאס קאלטע אייזען מיט דעם ווארמען בלוט פון זייערע יונגע לעבענס...

און גאַנץ לעדיג און וויסט איז שוין געוואָרען פאַר'ן טהעאַטער-פלאַץ. פון דערווייטענס האָט נאָך אָבגעקלונגען אַן איינזאַמע היסטעריש געוויין פון אַ ענטלאָפענער מוטער, וואָס האָט איהרע קינדער דאָ איבערגעלאָזען... איבער דעם ברייטען ווייטען טעאַטער-פלאַץ זענען געלעגען טוידטע קערפּער, בעשמוצט אין זייער בלוט, האָבען זיך אַרומגעוואַלגערט, איינצעלנע אָבגעהאַקטע מענשליכע גלידער, פרויען-קאַפּעלושען, אויסגעריסענע האָר פון פרויען-קעפּ..

שוואַרץ און פרעמד זענען אַרום דעם ווילדען אונגליקליכען פלאַץ געשטאַנען די הייזער. דאָס גרויסע טעאַטער מיט זיינע פיעל פינסטערע פענסטער האָט עפּעס אַזוי שרעקליך אויסגעקוקט, ווי דער באָדען פון אַ רוימישען צירק, האָט אויסגעזעהען דער טעאַטער-פלאַץ, ווי אַ שפּיעל-פלאַץ, וואו ווילדע הונגעריגע טיגרען ווערען אַרויסגעלאָזען אויף שוואַכע, אונבעוואָפענטע מענשען...

שוואַרץ און פינסטער זענען שוין געווען די גאַסען אין וואַרשאַ, איבער די שטיינער האָט נאָר אָבגעקלונגען דאָס שווערע געהן פון די געדיכטע פּאַטרולען. טהייל-מאָל האָט פּאַרציטערט די שווערע שטילקייט אַ איינזאַמע סאַלווע, וואָס האָט זיך געהערט פון אַ ווייטער גאַס... טהיר און טהויערען זענען געווען פערהאַקט. נאָר נאָך דאָ און דאָרט האָט געהאַנגען פאַר אַ הויז, אַ איינזאַמע אילומינאַציע לעמפּעל, וואָס מען האָט אָנגעצינדען לכבוד די פריידהייט, און וואָס דער סטרוזש האָט עס נישט צייט געהאַט אַרונטער צו חאַפּען, בעפאָר ער האָט דאָס טהויער פערקלאַפּט, פאַר די אַנטלאָפענע וואָס די קאָזאַקען האָבען זיי נאָכגעיאָגט... און ווי פערשעמט, אַ איינזאַמס האָט דאָס לעמפּעל געהאָנגען, ווי אַנ'אַרויסגעוואָרפענעם אויף דער גאַס...

שוואַרץ און פינסטער איז די נאַכט געווען...

שטום זענען געשטאַנען די הייזער איינגעהילט אין טונקעלהייט. נאָר נאָך האָט די שטילע שוואַרצע נאַכט געשטערט איינזאַמע טריט פֿון אַ מאַמען אין אַ שוואַרץ טוך געהילט, און אַ מאַמעס אַ קול האָט אין די פֿינסטערע נאַכט געוויינט, לויפֿענדיג גאַס אויס, גאַס איין:

— מיין קינד! מיין אָרים קליין קינד!

דאָס קלאָגענדע קול פֿון דער מאַמע איז אין די שוואַרצע נאַכט פֿערטריקענט געוואָרען, ווי אַ שוואַרצער טראָפּען, אין אַ שוואַרצען ים...

און ווייט אין גאַס אין דער שוואַרצער נאַכט האָט דער מאַמעס קלאָג־געוויין אָפּגעקלינגען:

— וואו איז מיין קינד? מיין אָרים קליין קינד?

נאָר שטום זענען געשטאַנען די הייזער, פֿערקלאַפּט ווי אַ טורמע פֿאַר די בירגער פֿון דעם ערשטען פֿרייהייטס טאָג.

---

# כאָנסטיציע.

עס איז נאָך געוועזען נאַכט, נאָר דאָך האָט שוין אַ גרויער מאָרגען־פֿלעק פֿון אַ חשון טאָג ברוגזדיג אין פֿרעמד זיין גרויקייט אויסגעגאָסען אין אַ עק הימעל וואָס האָט זיך געוויזען ווייט אין אַ עק גאַס, צווישען צוויי הויכע ציילען הייזער.

די הויכע גאַס הייזער, אַזוי ווי מען וואָלט פּלוצלונג פֿון זיי די שוואַרצע נאַכט־דעקע אַראָפּגענומען זענען ווייטער געשטאַנען ווי פֿריי־ הער פֿערשלאָפֿען און שטום... אין גאַס איז קיינעם נישט געוועזען צו זע־ הען, נאָר פֿון ערגעץ ווייט האָט זיך געהערט אַ רעדער־קלאַפּען פֿון אַ לייה־וואָגען, וואָס איז ערשט דורך די נאַכט אין דער גאַס דורך גע־ פֿאָהרען.

און די רעדער האבען אין די שטיינער אבגעהאקט ווי א שווע־דער קוידלען וואגען. דעם לויה־וואגען איינער אליין, מיט א מת אין זיך, און מיט איין לעבעדיגען מענש — דעם שמייסער אויף זיך — האט געשלעפט איין לעבעדיג פערד, וואס דאכט זיך אז קיינער האט עס אנגעטריבען, נאר איינס אליין האט עס געבלאנדזשעט גאס אויס, גאס איין...

אויפ'ן טראטואר, געגענאיבער א נאקעטען בוימער־סקווער איז געלעגען א טוידטער קערפער פון א געהרג'עטען יונגען מענש, האלב פערנעצט אין דעם בלוט וואס איז פון זיין אויפגעשפאלטענעם קאפף גערונען האט ער יעצט, אין די נאכט זעהר שווארץ אויסגעקוקט...

די טויטע סמאטע וואס האט זיך אויפ'ן טראטואר ארומגעוואל־גערט האט אזוי עפיס פערשטומט די גאס, אז דער זעלנער מיט די ביקס וואס איז נישט ווייט פון איהר, געשטאנען איינגעוויקעלט אין זיין פייכטען מאנטעל — האט אויך דעם איינדרוק געמאכט ווי א טויטע סמאטע איינגעוויקעלט אין א זעלנערשען מאנטעל האט מען אנידער־געשטעלט נעבען א וואנד, און ווי עפיס א שפילעריי האבען איהם קינדער א ביקס אין ארעם אריינגעשטעקט...

אויף זיי ביידע, אויף דעם טויטען קערפער, און אויף דעם זעלנער האבען די נאקעטע צווייגען פון די נאקעטע בוימער אין דעם גארטען־סקווער געשאקעלט אהין, געשאקעלט אהער, געזאגט... גע־זאגט... און געזאגט, און איין גאט ווייסט וואס זיי האבען געוואלט...

און ביי דעם אלעם איז אין גאס אזוי שטיל געווען ווי איינס וואלט מיט דעם צווייטען פרעמד געווען... ווי איינס וואלט דאס צווייטע נישט ערקענט...

אַזוי פֿרעמד און אָהנע־ערקענט האָט זיך איבער דעם אַלעם גע־צויגען אַ גרויע פּלאַכטע פֿון אַ פֿערנעבעלטען חשון טאָג...

ווייט אין עק גאַס האָט זיך אַ שוואַרץ פֿלעקעל געוויזען וואָס איז וואָס אַמאָל נעהנטער אָנגעקומען: אין דער שטילער גאַס ווי פֿון אַ פֿרעמדער וועלט איז אַ יונגעל אַ גאַזעטען־טרעגער מיט באָרפֿוס־דיגע פֿיס און אַ אויפֿגעדעקטען קאָפּ אָנגעקומען צו לויפֿען, אין אָרעם האָט ער געהאַלטען אַ פּאַק מיט „עקסטרעס" אין האַנד אַ ווייס שטיק פּאַפּיער, אַ קול פֿון אַ יונגע ברוסט האָט די שטילע לופֿט פֿון די שטילע גאַס דערציטערט:

„קאָנסטי—טוצ—יאַ!"

ער האָט געגעבען אַ בליק אויף דעם טויטען קערפּער וואָס האָט זיך אויפ'ן טראָטואַר אַרום־געוואַלגערט, און פֿלינק געמאַכט פֿיס... פֿון הינטער אידם האָט זיך געהערט זין קול:

— קאָנסטי—טוצ—יאַ!

# אַן אוצר פון קלאַסישע ליטעראַטור.

### אלע 5 באַנדער פון

# „הויז פריינד".

### רעדאַגירט פון מ. ספּעקטאָר.

פון דעם „הויז פריינד" איז שוין לאַנג ניט געווען צו בעקומען אלע בענדער, און פיר די ערשטע צוויי בענדער אליין האָט מען געצאָהלט 5 רובל. יעצט האָט די פערלאַג „פּראָגרעס" אָפּגעדרוקט די בעסטע ליטעראַטור פון אלע 5 בענדער; עס ענטהאַלט אומגעפעהר 1500 זייטען אויף שעהן פּאַפּיער.

אין דעם אוצר פון די קלאַסישע ליטעראַטור „הויז פריינד" קומט אַריין היסטאָרישע און וויסענשאַפטליכע אַרטיקלען, רייזעבעשרייבונגען, ערצעהלונגען פון דער נאַטור געשיכטע, ידיעות וואָס יעדער מענש דאַרף וויסען, לעבענס-בעשרייבונג פון גרויסע לייט, נייע ערפינדונגען, אַנעקדאָטען, שעהנע מעשות, גלייכע ווערטליך, שכל'דיגע רייד פון גרויסע לייט, ערצעהלונגען, ראָמאַנען, פּאָעזי פון פאָלגענדע ליטעראַטען און דיכטער:

אבראַמאָוויטש (מענדעלע מוכר ספרים); איזאַבעללא; אייזענשטאַדט; אמת; בערנשטיין; ברוידעס ר.; גאָלדפאַדען; גאָרדאָן י. ל.; גאָרדאָן מ.; גוידא; דאָליצקי; דאַמאַרעצקי; דינעזאָהן; דרוקער; האָלבערג; האָפפמאַן; ווייסבערג; וועבער; זאַמאָשטיין; זוסמאַנאָוויטש; זייפערט; זאַטילאָווסקי; זאַגאָראָדסקי; יאַנאַטזאָהן; יהואש; כהן; לילענבלום; ליטינסקי; לערנער; סמאָלענסקי פ.; ספּעקטאָר; עטינגער; פּינסקי; פרוג; פּרץ; פרישמאַן; פריעדבערג; פרענק; פריד; צווייפעל; צונזער; ציטראָן; קייזער; ראַבינאָוויטש; רבי קצין; ריזבערג; שלום-עליכם; שר של ים און נאָך אַנדערע שרייבער.

אום אלע זאָלען קענען פערשאַפען דעם אוצר פון קלאַסישע ליטעראַטור האָבען מיר געשטעלט דעם פּרייז פיר דאָס גאַנצע ווערק 2.50 רובל, מיט פּאָרטאָ.

געבונדען אין 2 פּראַכט-בענדער נאָך 1 רובל.

Я. ЛИДСКІЙ, Варшава, Налевки 86. (Телефонъ 61-68.)

## פערלאג „פאמיליען־ביבליאטעק“ ווארשא.

דער פערלאג גיט ארויס ביליגע און ניצליכע ביכלעך פון פאפולערע שריפטשטעלער צום לעזען און אונטערהאלטונג, אין הויז און געזעלשאפט.

### פאלגענדע ביכלעך זענען שוין ערשיענען:

| | | | | פרייז |
|---|---|---|---|---|
| 1) | פעסעלע דעם רבינ׳ס | ערצעהלונג | פון שלום עליכם. | 5 ק׳ |
| 2) | פינף און זיבעציג טויזענד | „ | „ שלום עליכם | 15 „ |
| 3) | דער קוש | „ | „ ל. שאפירא | 5 „ |
| 4) | אלמנה נומער 1 | „ | „ שלום עליכם | 5 „ |
| 5) | אלמנה נומער 2 | „ | „ שלום עליכם | 5 „ |
| 6) | אלמנה נומער 3 | „ | „ שלום עליכם | 5 „ |
| 7) | פערשפעטיגט | „ | „ אברהם רייזען | 5 „ |
| 8) | דער דייטש | „ | „ שלום עליכם | 5 „ |
| 9) | גוטע ברידער | (קאמעדיע) | „ אברהם רייזען | 5 „ |
| 10) | „מאמענטען“ | | „ שלום אש | 15 „ |
| 11) | א וויגרישנער בילעט | ערצעהלונג | „ שלום עליכם | 15 „ |
| 12) | שמואליק | „ | „ שלום עליכם | 5 „ |
| 13) | יוסף דער דזענטעלמאן | „ | „ שלום עליכם | 10 „ |
| 14) | די יונגע ליבע | „ | „ ד. פינסקי | 5 „ |
| 15) | שפרינצע | „ | „ שלום עליכם | 5 „ |
| 16) | דער שפיאן | „ | „ מ. טייטש | 5 „ |
| 17) | די יורשים | „ | „ שלום עליכם | 5 „ |
| 18) | מיט׳ן עטאפ | „ | „ שלום עליכם | 15 „ |
| 19) | די ערשטע קאמונע | „ | „ שלום עליכם | 10 „ |
| 20) | דער בלינדער | „ | „ גיואַ׳ דע מאַפּאַסאַן | 5 „ |
| 21) | חוה, טביה דעם מילכיגער׳ס | „ | „ שלום עליכם | 5 „ |
| 22) | די ערשטע יודישע רעפובליק | „ | „ שלום עליכם | 10 „ |
| 23) | ד צעהן פעראייניגטע שטאאטען | „ | „ שלום עליכם | 10 „ |
| 24) | דרייצעהן געפאנגענע | „ | „ שלום עליכם | 10 „ |
| 25) | עולם הבא | „ | „ שלום עליכם | 10 „ |
| 26) | דער קרבן | „ | „ יעקב גארדין | 5 „ |
| 27) | הונדערט איינם | „ | „ שלום עליכם | 5 „ |
| 28) | די ציגיינערין | „ | „ אברהם רייזען | 5 „ |
| 29) | ערב פסח׳דיגע עמיגראציע | „ | „ שלום עליכם | 5 „ |
| 30) | שמעון | „ | „ גיואַ׳ דע מאַפּאַסאַן | 5 „ |
| 31) | דער יונגסטער פון די מלכים | „ | „ שלום עליכם | 5 „ |
| 32) | די באראנעסע | „ | „ וו. דאראשעוויטץ | 5 „ |

פרייז פיר אלע 32 ביכער בלויז 2 רובל מיט פארטא,

אדרעסע פון פערלאג:

Я. ЛИДСКІЙ, книжный магазинъ, Варшава, Налевки 36. Телеф. 61-63.